# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת אחרי קדושים, ח' אייר, אבות פרק ג', שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 29 (748)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:27
מוצאי שבת קודש...........8:58

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............דברי הימים-א י"א
בבלי.......................מנחות ק"ד
ירושלמי............קידושין מ"א
תוספתא........................יומא ב'
רמב"ם......תפלין ומזוזה וס"ת ה'

## אַ וָואְרט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֵיין טָאג מַאכְט עֶר אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, קוּמְט דַאן דִי מִדַּת הַדִּין אוּן זָאגְט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן, מֶען מוּז שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיינְמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטֶערוּנְגֶען פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אָבֶּער דָארְט, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק** - דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי מְנִיעוֹת, זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁטֵיין פוּן דֶער וַוייטְנְס. אָבֶּער, **וּמשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל** - משֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס פַארְנֶעפֶּלְט, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט. וַוייל, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דָארְט אִין דִי גֶעדִיכְטֶע נֶעפֶּל אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְרִינְג צוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָא אוֹיפְּ'ן וֶועג אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס, **כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי וָואלְקְן, אִין דִי נֶעפֶּל. עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס שְׁוֶוער פוּן אָנְהוֹיבּ, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט סוֹף כָּל סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ב)

**וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סי' נ"א): "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר", אַ מֶענְטְשׁ נַארְט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי יָארְן לוֹיפְן, אוּן אָט דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דִי נְשָׁמָה אִיז וִוי אַ גֵר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק וָוארְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּנַארְן דִי נְשָׁמָה.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן פַארְן גֵר, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן הַיינְט קוּמְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס זָאגְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעטוּן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת?" וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה קְדוֹשִׁים ז)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פֶּסַח שֵׁנִי

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן 'פֶּסַח שֵׁנִי' זֶעט מֶען אַז נָאר וַוייל דִי אִידְן - וָואס הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח - הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן (בַּמִּדְבָּר ט, ז): 'לָמָּה נִגָּרַע' פַארְוָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? 'לְבִלְתִּי הַקְרִיב אֶת קָרְבַּן ה'" אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן?!' - הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דֶעם 'פֶּסַח שֵׁנִי'; נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶר ווִילְן.

אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי ווִילְן, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי ווִילְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי ווִילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט אוּן מֶען וִויל - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ 'פֶּסַח שֵׁנִי', מֶען גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אוּן אַלֶעס

<<<<<<

## א גוט ווארט

טַאקֶע יֶעצְט וֶוען מִיר זֶעעֶן דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דָא סַיי חָמֵץ אוּן סַיי מַצָּה, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, עֶר אִיז נָאךְ פוּל מִיט חָמֵץ, אוֹיסְגֶעמִישְׁט טוֹב וָרַע וְכוּ' - גֶעבְּט מֶען אִים נָאכְאַלְץ אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן; אוֹיךְ דוּ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ חָמֵץ וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִין דִי קְדוּשָׁה, זָאלְסְט טוּן דִי עֵצָה פוּן דִי צַדִּיקִים, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָּה, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז מֶען וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ פֶּסַח שֵׁנִי, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ צַדִּיק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שַׁבָּת פַאְרבְּרֶענְג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה, א' דְרֹאשׁ
חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן אֱמוּנָה, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן צַדִּיקִים, בַּאזוּנְדֶער אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים; דֶעמָאלְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

שַׁבָּת אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן מִיט חֲבֵרִים וָואס שְׁמוּעֶסְן, דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן דָאס אוּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ נִישְׁט גוּטֶע חִינוּךְ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן וֶועלְן זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל, זֵיי וֶועלְן אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ מֵיינְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט, דָאס אִיז אַ גֶעלֶעכְטֶער; דִי קִינְדֶער וֵוייסְן אַלֶעס אוּן כַאפְּן אַלֶעס, אִין אַ בְּחִינָה וֵוייסְן זֵיי נָאךְ מֶער וִוי דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס, דִי קִינְדֶער קֶענֶען דֶעם טַאטְן בֶּעסֶער וִוי דֶער טַאטֶע קֶען זִיךְ אַלֵיינְס. אִיךְ בֶּעט דִיר, שַׁבָּת אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, שְׁמוּעֶס נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זֶעץ זִיךְ מֶער אַרוֹיף, מֶער פוּן אוֹיבְן, נִישְׁט בַּיים עֶק, אוֹיךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זִיץ מִיט דִי אִידְן וָואס זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת, זִיץ נִישְׁט בַּיים עֶק טִישׁ וואו מֶען שְׁמוּעֶסְט, אָדֶער גָאר מִיט דִי מַתְמִידִים וָואס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וְכוּ'.

יֶעצְט זוּמֶער אִיז דָא לַאנְגֶע פְרַייטָאגְס אוּן לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאגְס, זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה; לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וְכוּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּבּ פַאר חֲבֵרִים, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי; סַיי דוּ גֵיי נִישְׁט אִין דַיין חַבֶר'ס הוֹיז אוּן סַיי רוּף נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים אִין דַיין הוֹיז, הַאלְט דַיין הוֹיז פְרִיוַואט.

**אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

כד. הַמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, זוֹכֶה וְיוֹשֵׁב בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַטֵּל הַגְּזֵרָה בִּשְׁבִילוֹ. דֶער וָואס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אִין יְשִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְבַטֵּל שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אִין זַיין זְכוּת.

כה. חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ שֶׁל הָאָדָם הוּא גְּדוֹלָה מִתַּעֲנִית. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אִיז עֶס גְרֶעסֶער פוּן אַ תַּעֲנִית.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וָואס עֶר וִויל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת טז), מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי וִוילְן פוּן דִי אִידְן, וִוי זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט 'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא וֶועט עֶפֶּעס זַיין, מֶען גֵייט זֵיי זִיכֶער גֶעבְּן זֵייעֶר פַארְלַאנְג, וַוייל (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לְטַהֵר", וֶוען מֶען וִויל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ", הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל; אוּן טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁוֶוער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אוּן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, רֶעד אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"; הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן: "טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר פַאל אִיךְ צוּרִיק"; וַוייל יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע וִוילְן וָואס מֶען וִויל זַיין גוּט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קנ:), אַז קַיין אֵיין גוּטֶע וִוילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ מֶען זֶעט וִוי מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה אוּן מֶען בֶּענְקְט זִיךְ אוּן מֶען הָאפְט צוּ זַיין גוּט - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן דִי אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת נֶעמֶען זִיךְ צַאם, אוּן אוֹיךְ אַלֶע תְּפִלּוֹת נֶעמֶען זִיךְ צַאם, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

### קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן 'פֶּסַח שֵׁנִי' אַז בַּיי אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי לַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; אַזוֹי וִוי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט. אַמָאל אִיז עֶר אַרַיין אַבִּיסֶל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט צוּם שׁוּסְטֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר נֶעמְט נָאךְ אָן אַזוֹי שְׁפֶּעט צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע שִׁיךְ, הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, כָּל זְמַן דִי לֶעכְט בְּרֶענְט - קֶען מֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן"; דֶער צַדִּיק אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס חַזֶר'ן בַּיי זַיינֶע דְרָשׁוֹת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "רַבּוֹתַי כָּל זְמַן דִי לֶעכְט בְּרֶענְט, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם 'נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם' מֶען לֶעבְּט נָאךְ - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; אוּן דָאס אִיז בְּעֶצֶם דֶער לִימּוּד פוּן 'פֶּסַח שֵׁנִי', אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ טָמֵא לָנֶפֶשׁ, מֶען הָאט פַארְפַאסְט קָרְבַּן פֶּסַח - קֶען מֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן דֶעם 'פֶּסַח שֵׁנִי'.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִינְגֶען מֶער דֶעם נִיגּוּן: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְפַאסְט אַלֶעס, אוּן נָאר אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מְגוּלְגָל וֶוערְן נָאכְאַמָאל אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִין דֶעם גִלְגוּל אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט'; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, בַּיי אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט; מֶען קֶען אַלְץ פַארְרֶעכְטְן, מֶען קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת.

אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֵיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים מַקְרִיב זַיין דִי קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - הָאבְּן בַּיים סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ 'פֶּסַח שֵׁנִי', אַזוֹי אוֹיךְ קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט פַארְפַאסְט דִי יוּנְגֶע יָארְן.

(גִלְיוֹן פֶּסַח שֵׁנִי)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (רמו)

### תתד

פְרַייטָאג, ט׳ תִּשְׁרֵי, עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, זֶענֶען דִי דְרֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעזֶעבִּיזְש, זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, זֵיי הָאבְּן דָארְט אַסַאךְ אַיינְגֶערִיסְן מִיט תְּפִלּוֹת וּבַקָשׁוֹת, גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע בְּכִיוֹת, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל זַיין גֶעזוּנְט.

סְפֶּעצִיעֶל דֶער רֶבִּינְ׳ס בְּרוּדֶער, ר׳ יְחִיאֵל, הָאט גָאר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט דָארְט אוּן גֶעבֶּעטְן, ״זֵיידֶע, זֵיידֶע! שִׁיק מַיין הֵיילִיגְן בְּרוּדֶער אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה!״, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר דָארְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן דִי זֶעלְבֶּע הָאבְּן אוֹיךְ גֶעטוּן רֶבִּי נָתָן אוּן ר׳ נַפְתָּלִי, זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

### תתה

יוֹם כִּיפּוּר, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן דֶעמָאלְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעוִויזְן דָארְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן צוּ עֶטְלִיכֶע חָשׁוּבֶע אִידְן, אוּן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן.

### תתו

זוּנְטָאג, אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, אִיז רֶבִּי נָתָן דָארְט גֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אַהֵיים אוֹיף יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוּן ר׳ יְחִיאֵל אוּן ר׳ נַפְתָּלִי זֶענֶען וַוייטֶער גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

<<<<<< נייעס

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט״א ארומגערעדט פונעם ענין פון "וידום אהרן", אהרן הכהן האט נישט געהאט קיין קשיות אויפ׳ן אייבערשטן אפילו פאר איין רגע. דאס איז די גרעסטע מדריגה, אז וואס א מענטש זאל נאר דורכגיין זאל ער נישט האבן קיין קשיות, נאר ער זאל וויסן אז אלעס ווערט געפירט מיט א פונקטליכן חשבון פונעם אייבערשטן. אויך האט דער ראש ישיבה שליט״א ארומגערעדט איבער די וויכטיגקייט פון האבן אן אפגעהיטענע שטוב, נישט אריינצוברענגען קיין שום כלי וואס מ׳קען אויף דעם זען שלעכטע זאכן, מ׳קען זיך נישט באהאלטן פון די ווייב און קינדער, און זיכער קען מען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטן וואס זעט אלעס איבעראל.

מוצאי שבת האט איינער זיך באדאנקט פאר׳ן ראש ישיבה שליט״א אויף די ווארעמע מוסר רייד, האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט אז דאס איז נישט קיין מוסר, נאר עס איז מלא חיזוק.

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# לֶערְנֶען אִין גֶעשֶׁעפְט, אִיז בִּיטוּל תּוֹרָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה אוּן וַוייזְן מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים אַז וֶוען מְ׳שְׁטֵייט אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן מְ׳וַוארְט אַז קָאסְטוּמֶערְס זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען, זָאל מֶען אִין דִי צַייט הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע גְמָרָא אָדֶער מִשְׁנַיוֹת וְכַדוֹמֶה, אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי לֵיידִיגֶע צַייט מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה, אַז מְ׳דַארְף מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען וֶוען אַ קָאסְטוּמֶער קוּמְט אַרַיין אוּן מֶען דַארְף אִים סֶערְוִוירְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען נוּצְט אוֹיס דִי צַייט אוּן מֶען לֶערְנְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט אִיז דָאס נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה, דָאס אִיז קִיוּם הַתּוֹרָה אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): **״אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה״**, זָאג נִישְׁט ׳וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען׳, וַוייל **״שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה״**, עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען, מִמֵּילָא קֶען זַיין אַז יֶעדֶעס מָאל וֶועט זַיין אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַרַיין כַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען מֶען הָאט נָאר צַייט.

אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים עַד הַיּוֹם הַזֶּה; זֵיי נֶעמֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ זֶעקְל סְפָרִים – אַ חוּמָשׁ׳ל, אַ מִשְׁנַיוֹת׳ל אוּן אַ תְּהִילִים וְכַדוֹמֶה, אוּן וֶוען מֶען הָאט נָאר אַ אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין אַבִּיסְל גוּטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט אוּן קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?״ זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער פְּשַׁט דֶערְפוּן אִיז אַז מֶען פְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: ״דוּ הָאסְט אַרָאפּ גֶעגַנְבְ׳עֶט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, מִיט אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְס?״ וַוייל ׳קֶבַע׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ׳גְּזֵלָה׳, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): **״וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ״** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רפד).

בִּיטוּל תּוֹרָה הֵייסְט, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ – אָן דֶעם וָואס מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ אִידִישׁ סֵפֶר; מֶען קֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַ חָשׁוּבֶ׳ער אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵויינִיג אִיז מֶען אַ פִּיסְטֶער יוּנְג. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דֶעם יָאר אָן דֶעם וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אֲפִילוּ הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶועזְן אֵיין מָאל ׳שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה׳, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא – דָאס אִיז בִּיטוּל תּוֹרָה.

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט; מֶען טְרַאכְט: ׳אִיךְ בִּין אַן אַרְבֶּעטֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען. אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן דִי רַבָּנִים וְכוּ׳׳; אַזוֹי לֶעבְּט מֶען אָפּ דֶעם לֶעבְּן נֶעבֶּעךְ אָן תּוֹרָה. אָבֶער וֶוען

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

מֶען וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט פוּן רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעלֶערְנְט אוּן מְסַיֵים גֶעוֶוען צֶענְדְלִיגֶער מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן שַׁ"ס וְכוּ' וְכוּ'; מֶען וָואלְט גֶעהַאט אוֹיף אַלֶעם דִי צַייט.

אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֶערְנֶען, עֶס נֶעמְט אִין דוּרְכְשְׁנִיט צְוֵויי מִינוּט גוֹרֵס צוּ זַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת. וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת, מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - דֶעמָאלְט הִיט מֶען דִי צַייט. וֶוען מֶען הָאט אַן אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, צִי אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט, צִי מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, צִי מֶען וַוארְט בַּיי אַ דָאקְטֶער וְכוּ' וְכוּ', - כַאפְּט מֶען אַרַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי אִיז יֶעדֶע מִינוּט אָפְּגֶעהִיטְן.

עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָמָה, ה.) אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זְ'רָעִים מְ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת אִיז "זְמַן נָקַט"; הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ הֶערְלִיכֶע פְּשַׁט, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הַאלְט דִי צַייט אִין דִי הַאנְט– "זְמַן נָקַט". וואוּ עֶר גֵייט נֶעמְט עֶר מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר אַסַאךְ צַייט.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, מֶען קֶען וִויסְן אוֹיף אֵיינֶעם צִי עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ", אוֹיבּ זֶעט מֶען אִים שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אִין דִי הַאנְט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשע"ח)

# שיינע שבת אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

א שבת נאך פסח האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה אין שטעטל. שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט זוהר הקדוש פרשת ואתחנן, וויבאלד דער ראש ישיבה שליט"א צילט צו ענדיגן דעם גאנצן זוהר הקדוש אויף ל"ג בעומר, און פראווען א סיום ברוב פאר והדר אינעם הייליגן טאג ל"ג בעומר ביי די סעודה אין שטעטל, כדי ארייננצוברענגען אז אנשי שלומינו זאלן זיך קובע זיין א שיעור אין זוהר הקדוש.

גאר שיינע שטיקלעך זענען פארגעלערנט געווארן, מיר וועלן געבן איין ביישפיל: עס ווערט אויסגעשמועסט ווי אזוי דער יצר הרע מאכט זיך באקוועם ביים איד, פונקט ווי א איד נעמט אריין אן אורח צו זיך אין שטוב; אין אנהייב פירט ער זיך אויף ווי אן אורח, אן ארייננצוגריבלען צופיל אינעם בעל הבית, אבער אויב ער זעט אז דער בעל הבית לאזט אים דארט, הויבט ער אן גיין אלץ איין טריט ווייטער און מאכט זיך מער און מער באקוועם אין די דירה, ביז ער ווערט גאר דער בעל הבית און ער זאגט פאר'ן עכטן בעל הבית ווי אזוי זיך צו פירן אין זיין אייגענער דירה.

אזוי איז אויך מיט'ן יצר הרע: קודם קומט ער צום מענטש ווי אן אומשולדיגער אורח, ער וויל נאר דו זאלסט געבן א שלעכטן קוק אומגעוואלט, אבער אויב דער מענטש לאזט זיך פירן פון אים און טוט נישט תשובה, גייט ער אלץ איין טריט נאך א טריט, ביז ער ווערט שוין דער בעל הבית, אזוי אז דער איד פילט שוין כאילו ער האט מער נישט קיין בחירה, און דער יצר הרע איז דער בעל הבית אויף אים רחמנא ליצלן. דערפאר דארף א איד אלעמאל זען צו בלייבן דער בעל הבית, און נישט לאזן דעם יצר הרע געוועלטיגן אויף אים.

אויך האט מען געלערנט איבער די גרויסקייט פון א מזוזה, אז דאס היט פון די שלעכטע קליפות וואס שטייען ביים טיר פון א אידיש הויז און ווילן ח"ו שעדיגן די מענטשן. דערפאר דארף מען זען צו האבן גוטע כשר'ע מזוזות, און נישט זוכן ביי דעם צו צאלן ביליג.

דאס דאווענען איז אריבער גאר ווארעם, אינאיינעם מיט קריאת התורה דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א.

ביים קידוש האט מען פארגעלערנט די מעשה פונעם בעל תפילה, איבער די אלע כיתות וואס זענען נעבעך ארייננגעפאלן אין זייערע תאוות, דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז אין איינע פון די חול המועד טעג ביי שחרית, האט זיך אראפגעזעצט אן אינטערעסאנט אידל ממש נעבן זיין זיץ אין שול. געוויסע מענטשן האבן אים געוואלט פארשיקן פון דארט, אבער דער ראש ישיבה שליט"א האט נישט געלאזט, זאגנדיג אז ער איז דער וואס שיקט די טשעקלעך אין די פאסט פארן מוסד די לעצטע שטיק צייט... מען האט געזען ווי געוויסע מענטשן האבן דאן געטוישט זייער בליק אויף דעם אידל, נאר צוליב דעם פאקט וואס ער האט געלט. פאר א צווייטן האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, אז אפשר איז ער גאר אליהו הנביא וואס האט זיך פארשטעלט ווי אזא פשוט'ן אינטערעסאנטן אידל, אבער דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז מ'דארף נישט צוקומען צו די צוויי טעמים כדי ליב צו האבן א איד; מ'דארף אים פשוט ליב האבן ווייל ער איז א איד און ער האט א אידישע נשמה. אבער פון דא זעט מען, אז געלט רעדט צו א מענטש פיל מער ווי דער פאקט אז יענער איז א איד. אויף דעם דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל נישט זיין פארזונקען אין תאוות ממון.

נאכ'ן קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז פאר שלש סעודות וועט מען זיך צוזאמקומען צו לערנען ח"י פרקים משניות און א יום תהילים; דאס איז דער עיקר און דער יסוד, און נאכ'ן האבן די צוויי שיעורים קען מען צולייגן נאך און נאך שיעורים. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, אז ער האט זייער הנאה געהאט פון א טאטע וואס האט געזאגט פאר זיין בחור אז ער צאלט אים געלט פאר יעדן טאג וואס ער זאגט ח"י פרקים משניות פאר דריי אזייגער נאכמיטאג, דאס איז א קלוגער טאטע. אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אז ער האט זייער הנאה צו זען אז לעצטנס זעט מען אנשי שלומינו ארומגיין מיט די נייע "ח"י פרקים משניות סעט", ארויסגעגעבן דורך מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו, וואס איז איינגעטיילט יעדן אכצן פרקים אין א באזונדערע באנד, און דאס העלפט פאר פילע אידן צו קענען טאקע לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות.

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמעון עוזר מיטלמאן** הי"ו מאנסי
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **ברוך יצחק מיטלמאן** נ"י

***

מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## פתיחת הזמן

**א פרישע זמן, א פרישע חשק; הערט דעם דרשת פתיחת הזמן, און כאפט אייך מיט מיט'ן פרישקייט פונעם נייעם זמן אין ישיבה**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >